Bild-Nr.: JG1167-0-01-0173-0343 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



# דר. יהודה ליב קאצנעלסאן

## (בוקי בן יגלי).

געבארען אין טשערניגאוו תר"ז, געשטארבען אין פעטערבורג, טבת תרע"ז.

ביז היינט איז נאך ניט געשריבען געווארען אן אויספיהרליכע ביאגראפיע פון דעם דאזיגען גניאלען מענשען, וועלכער איז געווען איינער פון די פעהיגסטע און באליבטסטע ליטעראטען אין דער העברעאישער און רוסישער שפראך, פאר א משך פון פערציג יאהר. אמת, אין דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען האט ער אליין אנגעפאנגען צו שרייבען זיין ביאגראפיע פון די קינדער־יאהרען אן, וואס עס איז ערשינען פאר דערזעלבער צייט אין „ראזסוויעט" און אין דעם אידישען טאגבלאט" אין פעטערבורג; ער איז אבער אין מיטען געשטארבען און זיין אויטאביאגראפיע האט נאר דערגרייכט ביז צום יאהר 1872, בעת ער איז אריין אין דער אוניווערזיטעט שטודירען מעדיצין. עס איז מיר אונבאקאנט אויב אין זיינע נאכגעלאזענע שריפטען האט מען געפונען זיין אויטאביאגראפיע פארענדיגט. איך וויים נאר, אז אין די לעצטע צוויי חדשים פון זיין לעבען, מערקענדיג אז עס קומט באלד דאס ענד, האט ער מיט די לעצטע כחות געארבייט ביי דיעזען ווערק; און מיט א פילאזאפישען שמייכעל פלעגט ער אפט זאגען, אז ווי שלעכט און גרויזאם דער מלאך־המות זאל ניט זיין, וועט ער דאך מיט איהם איינזעהעניש האבען און איהם דערלאזען דאס דאזיגע ווערק ענדיגען. באמת איז די דאזיגע לעצטע ווערק זיינען געווען א מייסטערווערק. זעלטען ווען האט א בוך ארויסגערופען אזא אינטערעס ביים לעזער־קרייז, ווי די דאזיגע לעבענסבאשרייבונג, וואס א חוץ דער מייסטערהאפטער סטיל, האט עס אויך א קולטור־היסטארישען ווערט.

פאר די יעניגע, וועלכע זיינען ניט באקאנט מיט זיין ביאגראפיע, וועל איך דא גאנץ קורץ איבערגעבען: געבארען אין טשערניגאוו אין 1847. זיין פאטער איז יונג געשטארבען און ער איז פארבליבען אן ארימער יתום. געלערענט אין תלמוד תורה'ס, געליטען נויט און הונגער, און אז ער איז אלט געווארען דרייצעהן יאהר, האבען זיינע קרובים איהם אפגעגעבען צו א סופר סת"ם, כדי זיך אויסצולערנען א מלאכה. נאך צוויי יאהר פלאגעניש מיט שרייבען מזוזות און מאכען

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0173-0344 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



רצועות און דערביי ניט האָבען זאַט צו עסען, איז ער אנטלאָפען פון טשערניגאָוו און כמעט געהענדיג צופוס געקומען צו זיינע קרובים אין באָברויסק. דאָרט איז ער אריין אין דער ישיבה און געלערענט פיער יאָהר בהתמדה, געגעסען טעג ביי די קרובים און געקלעהרט זיך צו נעהמען צו רבנות. דורך אַ צופאַל איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט אַ בחור אַ משכיל, און בשתיקה פון זיינע קרובים, פאַנאַטישע חסידים, האָט ער זיך צו נײנצעהן יאָהר אָנגעפאַנגען צו לערנען די רוסישע שפּראַך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ ביסעל געלד און מיט נויטיגע רעקאָמענדאַציעס, איז ער אַוועק קיין זשיטאָמיר און אריינגעטראָטען אין ראַבינער־שול, וואו ער איז פאַרבליבען אַן ערך זעקס יאָהר. ניט וועלענדיג זיין אַ ראַבינער, איז ער אַוועק קיין מאָסקווע און אין קנאַפּע פיער יאָהר אויסשטודירט מעדיצין, און באַלד געקראָגען אַ רעגירונגס־שטעלע פאַר אַ מיליטער־דאָקטאָר. אַז עס האָט אין דעם זעלבען יאָהר אויסגעבראָכען די רוסיש־טערקישע מלחמה, איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרען אויפ׳ן שלאַכטפעלד קיין טערקיי. פון דאָרט צוריקגעקעהרט מיט גרויסע אויסצייכענונגען פאַר טאַפּפערקייט, און באַקומען אַ מלוכה־שטעלע אַלס דאָקטאָר אין דער „אַלעקסאַנדראָוו־סקאַ באָלניצאַ“ אין פּעטערבורג, אַ שטעלע וועלכע ער האָט אָנגעהאַל־טען ביז צום ענד פון זיין לעבען. אַ חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט אַן אויסגעברייטעטע פּריוואַט פּראַקטיקע, אַ דאַנק זיין באַריהמטען נאָמען אַלס אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין קינדער קראַנקהייטען, און פאַר אַ קליינעם מומחה אין אויפשטעלען אַ דאָקטאָר חשבון. באַ־זונדערס פּאָפּולער איז ער געווען ביים מיטעל־קלאַס, און איך האָב געקענט פאַמיליעס אין פּעטערבורג, וואו דר. קאַצנעלסאָן איז געווען זייער הויז־דאָקטאָר פאַר די גאַנצע פערציג יאָהר וואָס ער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין.

צו דער רוסיש־אידישער ליטעראַטור איז ער צוגעטראָטען שוין זייענדיג אַ גאַנץ רייפער מענש, אין דעם עלטער פון דריי־און־דרייסיג יאָהר און דעריבער האָט ער ניט געברויכט דורכצומאַכען די שול, וועלכע די ליטעראַטען מוזען געוועהנליך דורכמאַכען, ביז זיי ווערען אויס דילעטאַנטען. שוין אין זיינע ערשטע פעליטאָנען אין „רוסקי יעווריי“, פון יאָהר 1880, האָט מען געמערקט דעם מייסטער און האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לעזע־קרייז, דורך זיין וואונדערבאַרען, שעהנעם סטיל און דורך דער בייסענדיגער, אָבער ניט ווייטועהנדיגער קריטיק. אַ ניט־וועניגער גרויסען רושם האָבען געמאַכט זיינע שפּעטערדיגע פּובליציסטישע און וויסענשאַפט־ליכע אַרטיקלען אין „וואָסכאָד“, „בודושצנאָסט“ און אין אַנדערע פּע־ריאָדישע זשורנאַלען, אַז נאָך אין די ערשטע פאַר יאָהר פון זיינע

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

ליטעראַרישע ארבייט האט ער דערגרייכט צו א גרויס פאפולאַריטעט אין די רוסיש־אידישע קרייזען, וואס אנדערע האבען דאס דורך לאנגיעהריגע ארבייט ניט דערלאנגט.

נאך א פיעל־גרעסערע פאפולאריטעט און באליבטקייט האט ער זיך ערווארבען מיט זיין אריינטרעטען אין דער העברעאישער ליטעראטור. ער האט פריהער אליין ניט געוואוסט פון זיין גרויסען טאלאנט און פון זיין גאט־געבענשטען העברעאישען סטיל, ביז זיין אינטימער פריינד, דר. קאנטאר, האט דאס ענטדעקט. דאס איז געווען אין יאהר 1886, בעת דר. קאנטאר האט געגרינדעט די טעגליכע צייטונג „היום“. דר. קאצנעלסאן האט איהם צוגעשיקט אן ארטיקעל פאר דעם ערשטען נומער, געשריבען אויף רוסיש און איהם געבעטען צו איבערזעצען אויף העברעאיש, אבער דר. קאנטאר האט איהם דעם ארטיקעל צוריקגעשיקט און אויף איהם גוזר געווען אליין אנצושרייבען אויף העברעאיש. ערשט דאן האט דר. קאצנעלסאן אויסגעפונען, אז עס איז גארניט אזוי שווער צו שרייבען העברעאיש, און טאקע גלייך אנגעפאנגען צו שרייבען אין דער דאזיגער שפראך, ניט נאר פעליטאנען און די באוואוסטע „מכתבים מקרית רעב“ אין דעם עכט מרדכי אהרן גינצבורג׳ישען סטיל — נאר אויך וויסענשאפטליכע מאמרים, ווי: משנת יצירה, יסודי טומאה וטהרה, רמ״ח אברים ומסכת נגעים, אין א ריינעם משנה־לשון, וואס פון דעם רמב״ם׳ס „יד החזקה“ אן איז אין דער תלמוד׳ישער ליטעראטור כמעט נאך ניט געשריבען געווארען קיין שום ספר אין אזא דייטליכער, פארשטענדליכער און פאלקסטימליכער שפראך.

פאר די צוויי יאהר וואס דער „היום“ איז ארויסגעגאנגען, איז כמעט ניט געווען א נומער אהן זיינעם אן ארטיקעל, און פון גרויס ליעבשאפט צו דער העברעאישער שפראך, האט ער אויפגעהערט אינגאנצען צו שרייבען רוסיש. אויך שפעטער, בעת דר. קאנטאר איז געווארען פאר דריי יאהר צייט דער רעדאקטאר פון „המליץ“, פלעגט ער דארט אויך אפט שרייבען. מיט קאנטאר׳ס אפפאהרען פון פעטערבורג האט ער אויפגעהערט צו שרייבען אין דער טעגליכער העברעאישער פרעסע, אבער ניט אויפגעהרט צו שרייבען אין פארשידענע העברעאישע זשורנאלען און אין פעריאדישע אויסגאבען, ווי אין „היקב“, „הגרן“, „הגת“ און דערגלייכען. עס איז אינטערעסאנט צו דערמאהנען, דאס זיין מאמר אין „היקב“ אונטער דעם נאמען „קבורת נשמות“, איז פארבליבען קלאסיש און האט אין זיין צייט א געוואלדיגען רושם געמאכט. דערצעהלענדיג אן אראבישע לעגענדע האט ער אין דעם איינגעוויקעלט א שטארקע קריטיק אויף די האנדלונג פון א באוואוסטען רייכען אידען אין פעטערבורג, א געוויסער לייב פריד־

לאַנד, וועלכער האָט, ווענדעניג זיך צושמייכלען צו דער רוסישער מלוכה, צוזאַמענגעקויפט גרויסע אידישע ביבליאָטעקען (דעם וויאזאַנער׳ס, דוב באַמפּי׳ס פון מינסק און נאָך) און זיי געמאַכט אַ מתנה דעם אזיאַטישען מוזעאום אין פּעטערבורג, וואוהין עס איז פאַר אַ אידען שווער געווען אריינצוקומען. כאָטש ער האָט זיך אונטערגעצייכענט „אביזוהר", דאָך האָבען אַלע געוואוסט, אַז קאַצנעלסאָן איז דער אויטאָר און אַלע זיינען איהם דערפאַר דאַנקבאַר געווען.

פון אַלע אידישע געלעהרטע וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט דער מעדיצינישער וויסענשאַפט פון די חכמי התלמוד, האָט קיינער ניט (חוץ דר. מיכל ראַבינאָוויטש, פון פּאַריז), אזוי גרינדליך דורכשטודירט די תלמוד׳ישע אַנשויאונג איבער פּאַטאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע, ווי דר. קאַצנעלסאָן. אין זיינע צעהנדליגע מאמרים און באַזונדערס אין זיינע קלאַסישע ספרים רמ״ח אברים און מסכת נגעים. בעת איך האָב געהאט דאָס ערשטע מאָל די געלעגענהייט מיט איהם פּערזענליך באַקאַנט צו ווערען, און דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר דרייסיג צוריק, בעת ער איז געקומען קיין ליבוי באַזוכען זיין בעסטען פריינד, דר. קאַנטאָר. ס׳איז אמאָל געקומען צו רייד וועגען זיין ספר רמ״ח אברים, און איך קען אין לעבן ניט פאַרגעסען דעם איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, מיט זיין גרויס התפּעלות און מיט זיין גרויס יראת־הכבוד פאַר די חכמי התלמוד. ווי ווייט זייער וויסען און זייער וויסענדראַנג האָט דערגרייכט, האָט ער געבראַכט אַלסביישפּיל די גמרא אין בכורות (דף מ״ה), וואו עס ווערט דערצעהלט: מעשה בתלמיד רבי ישמעאל ששלקו זונה אחת שנתחייבה שריפה למלכות ומצאו בה רנ״ב עצמות. ער שטעלט זיך אין געדאַנקען פאַר, אַז אין ר׳ ישמעאל׳ס ישיבה איז ענטשטאַנען אַ חלוקי דיעות אין דעם מספּר פון די מענשליכע אברים, ד. ה., וועלכער אבר קען שוין גערעכענט ווערען וואָס פאַר אַן עצם און וועלכער אבר האָט נאָך ניט גענוג פאַספאַר און ווערט גערעכענט פאַר געוועהנליכע בשר, וואָס דאָס איז אַ גרויסע נפקא מינה אין דין, בנוגע לטומאת מת און צו די דינים פון מומי בכורות. די תלמידים, זיך ניט קענענדיג איינינגען מיט טהעאָריען, האָבען זיי באַשלאָסען צו מאַכען פּראַקטישע אַנאַטאָמישע אונטערזוכונגען, אָט אזוי ווי עס פיהרט זיך אין אונזער צייט, אַז מען גיט איבער אין די קליניקען מענשליכע לייכען, וועלכע זיינען פאַראורטהיילט געוואָרען צום טויט, צו באַנוצען אויף אַנאַטאָמישע אונטערזוכונגען. אַ פּנים, אַז די תלמידים האָבען אויך געקראָגען אזאַ טרופּ, וואָס זיי האָבען דאָס פריהער אויסגעקאָכט, כדי עס זאָלען ארונטער די אַלע פליישׁ חלקים און נאָר איבערבלייבען די פאַרהאַרטעוועטע גלידער. „נו, הערט זיך צו"—האָט ער אויסגערופען מיט גרויס

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0175-0347 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



התפעלות — „דאס האט פאסירט מיט אז ערך 1800 יאהר צוריק, בעת דער גרויסער גריכישער גאלינוס, וואס גילט אין דער מעדיצינישער וועלט אלס דער ערשטער, וועלכער האט זיך באשעפטיגט מיט פראק־טישע אנאטאמישע אונטערזוכונגען, איז נאך אויף דער וועלט ניט געווען. נאך מעהר איז נתפעל צו ווערען, אז דאס האבען געמאכט איינפאכע ישיבה־בחורים, ניט קיין מעדיצינישע פאכלייט, און ניט צוליעב מעדיצינישע פארשונגען, נאר צוליעב אוועקשטעלען ריכטיג די הלכה, א זאך וואס אונזער פאנטאזיע קען זיך גאר ניט פאר־שטעלען, אז דאס זאל היינט געמאכט ווערען אין די ישיבות פון וואלאזין אדער סלאבאדקא! און אט די דאזיגע קורצע מעשה מיט די תלמידי ר׳ ישמעאל, וואס הונדערטער טויזענדער לערנער זיינען גלייכגילטיג דעריבער אריבערגעגאנגען, האט אויף מיר געמאכט אזא געוואלדיגען רושם און איינגעפליסט אזא גרויס רעספעקט פאר די חכמי התלמוד, אז איך האלט זיי פאר די גרעסטע גייסטיגע כחות וואס די מענשהייט האט געשאפען".

אין די לעצטע פינף־און־צוואנציג יאהר פון זיין לעבען האט ער זיך אויך אפגעגעבען מיט געזעלשאפטליכע ארבייט, באזונדערס שטארק טהעטיג געווען אין דער יק"א געזעלשאפט און אין דער חברה „מפיצי־השכלה", וואו ער איז יאהרענלאנג געווען איהר פרעזידענט. ער האט זיך אבער קיינמאל ניט אינטערעסירט מיט פאליטיק, און דאס איז אויך געווען די סיבה וואס ער איז ווייט געווען פון ציוניזם, וואס באמת האט עס גענדארפט שטארק אפעלירען צו זיין אידיש־נאציאנאליסטיש הארץ. זיין אידעלער, זוויבערער כאראקטער האט ניט געקענט זעהן, ווי צעדערבוים מאכט א קרעמעל פון דעם חבת־ציון, און פיעלע לעזער וועלען נאך געווים געדענקען זיין אונשטערבליכען פעלי־טאן „מעשה בשלש פרוטות". ער האט אויך ניט מסכים געווען צו אחד־העם׳ס שיטה און איז בכלל געשטאנען אין דיעזע פראגען אויף דובנאוו׳ס פלאטפארם, שטענדיג געקעמפט געגען דער אסימילאציע און אין דיעזער מלחמת־מצוה האט ער אויך ניט געשאנעוועט זיין לאנג־יעהריגען פריינד, דעם פראפעסאר באקשט, וועלכער האט גע־האט א גרויסע נטיה צו אסימילאציע, שוין ניט ריידענדיג פון די אפטריניגע, ווי: כוואלסאן, קאנסטאנטין שאפירא און אנדערע, וואס האבען ניט ווייניג יסורים געהאט אויסצושטעהן פון זיין בייסיגען פעדער.

אנפאנג 1916 האט זיך געבילדעט אין פעטערבורג א קאמיטע צו פייערען זיין זיבעציג־יעהריגען יובילעאום, אבער צוליעב דעם מלחמה־טומעל האט מען דאס פארנאכלעסיגט און ערשט אין מאנאט אקטאבער האט די חברה „חובבי שפת עבר", וואס ער איז געווען איהר פרעזידענט

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

און גרינדער, צוזאמענגערופען א מיטינג פון אלע זיינע פארעהרער און אפגעפראוועט א טרוקענעם באנקעט. די משוררים טשערניכאווסקי און שמעונוביץ האבען פארגעטראגען זייערע פארפאסטע שירים לכבוד דעם התן־היובל, איבער וועלכע ער איז געווען אזוי געריהרט, אז ער האט זייביידען געדריקט צו זיין הארץ, און מיט הייסע טרעהרען אויסגעדריקט זיין שמחה, אז ער לאזט ניט נאך קיין דור יתום. מיט א זעלטענע ווארימקייט האט ער מיט יעדען איינציגען פון די פארזאמעלטע זיך פאראפשיידעט, ווי די הארץ וואלט איהם געזאגט, אז דאס איז צום לעצטען מאל, וואס ער זעהט זיך מיט זיי אלעמען, און טאקע אין א פאר טעג ארום האט ער זיך אהינגעלעגט אויפ׳ן בעט, פון וועלכע ער איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען.

א לויה אט ער געהאט אזא גרויסע, וואס די אידישע פעטערבורג האט דאס נאך קיינמאל ניט געזעהן. פון די פארשידענע הספדים איז מען ערשט געוואויר געווארען פון זאכען, וואס פיעל האבען ניט געוואוסט. מען האט זיך דערוואוסט, אז טראצדעם וואס ער איז קיינמאל קיין עושר ניט געווען, האט ער זיך קיינמאל ניט געלאזען באצאהלען פאר זיינע ליטעראַרישע ארבייט. אויך אין זיין מעדיצינישער פראקטיק איז ער געווען א ווירקליכער דזשענטעלמאן. פון ארימע פלעגט ער איבערהויפט ניט נעהמען און אויך פון רייכע פלעגט ער זיך צופרידענשטעלען מיט וויפיעל מען האט איהם געגעבען. ער איז ווירקליך געווען איינער פון די בעסטע אידען פון פאריגען דור, א טיפ פון אן אמת׳ען תלמיד־חכם, א איש השלם בתכלית השלימות.